**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/8/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער קאנסומער באשיצונג לעגיסלאטיווע פעקעדזש**

***לעגיסלאציע S.153/A.2382 פירט איין די קאנסומער קרעדיט יושר אקט, וועלכע עס וועט אדרעסירן באלעסטערישע חוב-איינקאסירונג פראקטיצירונגען***

***לעגיסלאציע S.4823/A.3359 פארבאט פון יוטיליטי קאמפאניס פון באפאלן, רודף׳ען, באלעסטיגען, אדער דערדרוקען קאסטומערס אין פארבינדונג מיט רעזידענשעל קאסטומער קלאגעס***

***לעגיסלאציע S.1199/A.5838 פארלאנגט לכל הפחות איין קאמישענער אין די פובליק סערוויס קאמיסיע צו האבן געהאט ערפארונג אין יוטיליטי קאנסומער אדוואקאטיר ארבעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאציע פעקל פארבינדן מיט קאנסומער באשיצונג. לעגיסלאציע S.153/A.2382 פירט איין די קאנסומער קרעדיט יושר אקט, וועלכע וועט באשיצן קאנסומערס פון באלעסטערישע חוב איינקאסירונג, וויבאלד פילע פון די פראקטיצירונגען זענען פארבינדן מיט אלטע חובות, חובות פון קרעדיט קארטלעך וועלכע זענען פארקויפט געווארן צו אנדערע אויסבארגער, און מינימאלע אינפארמאציע ווערן צוגעשטעלט צו חובות איינקויפער. דורך העכערן דורכזעהעדיגקייט, מינימיזירן איבערררייסן אין סטעיט ציווילע פראצעדור געזעצן, און פארמיידן עקסטרעמע שריטן ווי צ.ב.ש. ווערדזש אפהאלטונג און באנק אקאונט פרירן, ווערן קאנסומערס געגעבן מער צייט צו נעמען שריטן אויף באלעסטערישע חובות איינקאסירונג פראקטיצירונגען. לעגיסלאציע S.4823/A.3359 פארבאט באפאלערישקייט פון יוטיליטי קאמפאניס ביים פאררהאנדלען א קלאגע אדער אומבאצאלטע באלאנס. לעגיסלאציע S.1199/A.5838 פארלאנגט פונ׳ם פובליק סערוויס קאמיסיע צו האבן לכל הפחות איין מיטגליד וואס איז א מומחה אין קאנסומער אדוואקאטיר ארבעט.

"ווען בייזוויליגע פארשוינען פרובירן אויסניצן קאנסומערס אויף בייזן, וועט ניו יארק צוריק קעמפן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך שטאלציר מיך אונטערצושרייבן לעגיסלאציע וואס וועט באשיצן ניו יארקער פון אומארנטליכע אויפפירעכטס דורך חובות איינקאסירער און יוטיליטי קאמפאניס. די דריי נייע געזעצן וועלן מאכן ניו יארק א בעסערע, מער יושר׳דיגע פלאץ פאר אלע קאנסומערס."

**דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס עקטינג סופעראינטענדענט עדריענע עי. העריס האט געזאגט,** "דער ענדערונג צו דער CPLR וועט באשיצן ניו יארקער פון אומארנטליכע קרעדיטארס אזוי ווי עס זעצט פאר ווייטער די ערהוילונג פון קאָוויד-19. דער ביל (S.153/A.2382) אדרעסירט ספעציפיש באקאנטע באפאלערישע חובות איינקאסירונג פראקטיצירונגען, שטעלט אפ א באלעסטערישע און אפטע טאקטיק באשעפטיגט דורך באפאלערישע חובות איינקאסירער וועלכע עס איז צו אנקלאגן אויף צייט-אפגעהאלטענע קאנסומער חובות אויף וועלכע זיי האבן ניטאמאל די פשוט׳סטע דאקומענטעישען. דער דאזיגער נייער געזעץ פארברייטערט קריטיש-וויכטיגע קאנסומער באשיצונגען פאר די מערסטע אומבאשיצטע ניו יארקער."

דער קאנסומער קרעדיט יושר אקט נעמט שריטן אפצוהאלטן באלעסטערישע חובות איינקאסירונג דורך פארלאנגען פון דעפענדאנטן צו ווערן אינפארמירט איב לעגאלע שריטן פון א קרעדיטאר, און פארלאנגט פון געריכט פייל׳ען אריינצורעכענען מער אינפארמאציע איבער די חובות וואס ווערן געצילט אין אן אנקלאג, מינערן דער שטאטוט פון באגרעניצונג פאר קאנסומער קרעדיט טראנסאקציעס, און אוועקשטעלן ספעציפישע פאדערונגען פאר אפליקאציעס פאר דיפאָלט דזשאָדזשמענטס אין קאנסומער קרעדיט אקציע. דורך העכערן די אינפארמאציע וואס קאנסומערס באקומען אין דעם פראצעס פון לעגאלע אקציע, וועט זיין וועניגער איבערראיסן אין סטעיט ציווילע פראצעדור געזעצן, און עס וועט פארמיידן עקסטרעמע שריטן ווי צ.ב.ש. ווערדזש אפהאלטונג און באנק אקאונט פרירן, און וועט געבן פאר קאנסומערס מער צייט צו נעמען שריטן אויף באלעסטערישע חובות איינקאסירונג פראקטיצירונגען.

דאס בויט אויף גאווערנער האקול׳ס פריערדיגע באמיאונגען צו לינדערן חובות אנגעשטרענגטקייט פאר ניו יארקער. אין אקטאבער האט דער גאווערנער פארברייטערט די היים ענערגיע הילף פראגראם דורך געבן ביז 10,000 דאלער צו באצאלן פאר הינטערשטעליגע סומעס פאר צוגעפאסטע לאָו-אינקאם הויזגעזינדער, כדי צו אדרעסירן א דראמאטישע העכערונג אין יוטיליטי קאסטומער הינטערשטעליגע סומעס וועלכע האבן זיך אנגעקליבן אין לויף פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיק. דער דעפארטמענט פון פובליק סערוויס ארבעט מיט יוטיליטיס אויף אוטריטש ארבעט צו מאכן קאסטומערס מער באוואוסטזיניג איבער די פארהאנענע הילף. אונטער די נייע לעגיסלאציע, קענען יוטיליטיס ווייטער אנהאלטן לעגיטימע חובות איינקאסירונג אקטיוויטעטן.

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** "באלעסטערישע און בייזוויליגע חובות איינקאסירונג אנקלאגעס זענען געווארן אן עפידעמיע איבער ניו יארק סטעיט. די קאנסעקווענצן פון די אנקלאגעס — וועלכע טוהען אפטמאל לאקערן אויף עלטערע מענטשן, דיסעיבעלד, און נידעריג און מיטלמעסיגע איינקונפט ניו יארקער — זענען גאר שעדליך, איבערהויפט אין א צייט ווען ניו יארקער ליידן שוין פון פינאנציעלע שוועריגקייטן אלס רעזולטאט פון קאָוויד-19. דער קאנסומער קרעדיט יושר אקט וועט תיכף אפשטעלן די באלעסטערישע און אפטמאל אומלעגאל חובות איינקאסירונג פראקטיצירונגען. איך וויל דאנקען אסעמבלי-מיטגליד וויינשטיין און אונזער שווער-ארבעטנדע קאנסומער אדוואקאטן פאר זייער מיטארבעטשאפט, און גאווערנער האקול פאר׳ן זיך אויפשטעלן פאר ניו יארק קאנסומערס דורך אונטערשרייבן דעם CCFA אלס געזעץ."

**אסעמבלי-מיטגליד העלענע וויינשטיין האט געזאגט,** "די לעגיסלאציע וועט באשיצן קאנסומערס פון באלעסטערישע חובות איינקאסירונג פראקטיצירונגען. עס איז שוין לאנג העכסט צייט צו געבן ריכטיגע קראפט צו אונזערע געזעצן דורך פארזיכערן אז אלע חובות איינקאסירונג אנקלאגעס זענען אין איינקלאנג מיט די נייע שטרענגערע פאדערונגען. איך דאנק גאווערנער האקול און סענאטאר טאמאס פאר מיטארבעטן מיט מיר איינצופירן די העכסט-נויטיגע רעפארמען צו אונזערע געזעצן, און אלע קאנסומער אדוואקאטן וועלכע האבן זיך פעסט געהאלטן מיט זייער ארבעט אין לויף פון די יארן."

לעגיסלאציע S.4823/A.3359 פארבאט פאר יוטיליטי קאמפאניס פון זיך באשעפטיגן אין באלעסטיגונג, רדיפות, אדער באפאלערישקייט ווען מען ארבעט מיט א רעזידענשעל קאסטומער. דורך פארזיכערן די רעכטן פון יוטיליטי קאסטומערס, וועט עס לינדערן די ענגשאפט פארבינדן מיט פארפעלן א יוטיליטי באצאלונג. דאס קומט אין אפרוף צו פארשידענע אומארנטליכע אויפפירעכטס אין וועלכן יוטיליטי קאמפאניס האבן זיך באשעפטיגט, ווי צ.ב.ש. שאפן א ׳באצאלונג אפמאך׳ מיט קאסטומערס וואס דערמוטיגט פאר קאסטומערס צו נעמען גרויסע דאָון פעימענטס אין אויסטויש פאר יוטיליטיס ווי צ.ב.ש. ענערגיע נישט צו ווערן אויסגעלאשן.

**סטעיט סענאטאר לעראוי קאמרי האט געזאגט,** "אזוי ווי אונזער סטעיט זעצט פאר ווייטער זיך צו ערהוילן פון דעם פאנדעמיק, בלייבט דאס באשיצן קאנסומערס א הויכע פריאריטעט פאר די סענאט מאיאריטעט קאנפערענץ, און דער לעגיסלאציע פעקל וועט טוהן גענוי דאס. מיין ביל גיבט קלארע רייד פאר די היים ענערגיע יושר׳דיגע פראקטיצירונג אקט (HEFPA), וואס פארזיכערט אז ווען ניו יארקער האלטן אינמיטן פארהאנדלען א באצאלונג אראנזשירונג אדער פייל׳ען א קלאגע קעגן אן ענערגיע באזארגער, זענען זיי נישט אויסגעשטעלט צו רדיפות און באפאלערישקייט. איך דאנק גאווערנער קעטי האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ, און דאס אנערקענען די נויט צו פארשטערקערן שטאטוטן וועלכע באשיצן רעזידענשעל יוטיליטי קאנסומערס און האלטן מוניציפאלע באזארגער און ESCO׳ס פאראנטווארטליך צו דעם פובליק ווען זיי זענען געמאכט צו באדינען."

**אסעמבלי-מיטגליד איימי פאולין האט געזאגט,** "אין די שווערע עקאנאמישע צייטן, קענען קאסטומערס גרינגערהייט צוריקפאלן אין יוטיליטי באצאלונגען. פונדעסטוועגן דארף א יוטיליטי קאמפאניי׳ס פארשטייער באהאנדלען יעדע קאסטומער מיט יושר. קאסטומערס זאלן קיינמאל נישט דארפן אויסשטיין רדיפות׳דיגע רייד אדער באטריגנדע באצאלונג פראקטיצירונגען. דער געזעץ וועט באשיצן קאסטומער רעכטן און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז יוטיליטי קאמפאניס טוהען איינקאסירן קאסטומער חובות און לייזן קלאגעס אונטער די העכסטע עטישע סטאנדארטן. איך דאנק גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דער הויפט שטיקל לעגיסלאציע אלס געזעץ, העלפנדיג מיט דעם צו פארזיכערן די יושר׳דיגע באהאנדלונג פון ניו יארקער וואס זוכן מיט ריכטיגקייט צו לייזן יוטיליטי פראבלעמען."

לעגיסלאציע S.1199/A.5838 פארלאנגט אז לכל הפחות איינע פון די קאמישענערס פון דער פובליק סערוויס קאמיסיע זאל האבן ערפארונג אין יוטיליטי קאנסומער שתדלנות. דאס איז צו ווידער-אריענטירן דער פובליק סערוויס קאמיסיע צו איר ארגינעלע צילן פון פארזיכערן אז קאסטומערס ווערן געגעבן גענוג סערוויס מיט צוגענגליכע ראטעס. דאס האבן ערפארונג אין אדוואקטירונג פאר די אינטערעסן פון יוטיליטי קאנסומערס וועט געבן פאר׳ן קאמישענער א בליק וועלכע פאקסירט אויף די טובה פון יוטיליטי קאסטומערס, און אפהאלטן דער קאמיסיעס אינטערעס פון ווערן פארדרייט אינגאנצן לטובת קאמערציעלע אינטערעסן אדער פובליק יוטיליטי אינטערעסן.

**סטעיט סענאטאר מייקל דזשיאנאריס האט געזאגט,** "צו אפט דינט גאר דער פובליק סערוויס קאמיסיע די אינדוסטריעס וועלכע זיי ברויכן צו רעגולירן ווי איידער דעם פובליק. א קאנסומער פארשטייער אויף דער PSC וועט זיין א מאכטפולע טריט אין דעם גוטן ריכטונג. עס פריידט מיט צו זעהן דעם וויכטיגן פארשלאג איינגעפירט אלס געזעץ מיט גאווערנער האקול׳ס אונטערשריפט. ניו יארק סטעיט וועט איצט פארלאנגען אן אדוואקאט פאר קאנסומערס אויפ׳ן PSC."

**אסעמבלי-מיטגליד קאטאלינע קרוז האט געזאגט,** "די קאסטן פון הייצן אונזערע וואוינונגען און פון די עלעקטריציטעט וואס מיר דארפן אויף צו לעבן אונזערע לעבנס האט נישט געשווינט די אינפלאציע וואס מיר זעהען היינט. מיט שטייגנדע יוטיליטי קאסטן וואס באטרעפן איצט מיליאנען ניו יארקער אויף באשטימטע איינקונפט און אנדערע וואס ראנגלען זיך מיט נידעריגע וועידזש דזשאבס און ארבעטסלאזיגקייט, דארפן ניו יארקער קאנסומערס האבן רעגולאטאר וועלכע פארטרעטן זייערע אינטערעסן, נישט די אינטערעסן פון זייערע יוטיליטי קאמפאניס. דער געזעץ וועט פארזיכערן אז עס איז דא אן אדוואקאט און א שטימע פאר ראטע-באצאלער ביים טיש. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ און עס קומט פונקט אין דער צייט וואס דער שווערער ווינטער סעזאן דערנענטערט זיך."

טיילן פון לעגיסלאציע S.153/A.2382 וועלן תיכף אריינגיין אין קראפט, און לעגיסלאציע S.4823/A.3359 און לעגיסלאציע S.1199/A.5838 וועלן אריינגיין אין קראפט 30 טעג נאכ׳ן ווערן אונטערגעשריבן אלס געזעץ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418